# יודישע פאבריקאנטען-קאנפערענץ

## שטעלט פעסט, אז דער עקספארט פון לאדזשער סחורות קיין אמעריקא האט די בעסטע אויסזיכטען אויף ערפאלג.

פערזאמעלטע זאגען זיך מיט גרויס צופרידענהייט ארויס וועגען דער אקציע פון דער „פעדעראציע פון די פוילישע יודען אין אמעריקא", וואס איז דא איינגעלייטעט געווארען דורכ'ן „לאדזשער טאגעבלאט".

אויסגעארבייט דורך יודישע ארבייטער.

**Danksagung!**

Da mein Sohn jahrenlang schwer an Epilepsie, Fallsucht und Krämpfen gelitten u. schon über zehn Jahre gesund ist, so gebe ich aus Dankbarkeit unentgeltliche Auskunft wie dieselbe behandelt wurde. Rückporto beifügen.

Ludwig Weiss, Mülheim an der Ruhe, Kuhlenstrasse 1.

**זאל פילהארמאניע** נארוטאוויטש 20.

לעצטע 4 פארשטעלונגען

פון אנא און היימאן יאקובאוויטש פון זומער-סעזאן

היינט מאנטאג, 9 אווענד גרויסע פאלקס-פארשטעלונג פון 80 גר. ביז 2.50

**די פוילישע חתונה** 10 בילדער מיט געזאנג, טענץ פון טאמאשעווסקי.

רעזשיסירט דורך היימאן יאקובאוויטש.

הויפט-ראלען: שיינדעלע—אנא יאקובאוויטש, יאקא ציגיינער—ה. יאקובאוויטש.

דינסטאג, דעם 20-טן 9 אווענד צו ביליגע פרייזן

**איהר גרויסער סוד** לעבענס-בילד אין 4 אקטען מיט געזאנג

און טענץ פון זאלאטארעווסקי. רעזשיסירט דורך היימאן יאקובאוויטש.

הויפט-ראלען: אנא—יאקובאוויטש, פראפעסאר זיידעל—היימאן יאקובאוויטש.

מיטוואך, דעם 21-טן 9 אווענד צו ביליגע פרייזן

**די רומענישע חתונה**

אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון שאר.

הויפט - ראל דבורה—אנא יאקובאוויטש.

ס'נעמט אנטייל: די אנגאזשירטע ארטיסטען פון ריגא אסתר זעווקינא, ישראל בירנבוים, פר' בעזמאן מאכאראווסקא, פאדערמאן. ה"ה: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, נייהויז, פאליאנסקי, צווילינג.

רעזשיסער-פיהרער: בעזמאן. בינע-לייטער: מאכאראווס.

מוזיקאלישע לייטונג: ל. וועלמאן. בילעטען אין קאסע פון פילהארמאניע.

**טוך-לאגער**

— פון —

**G. E. RESTEL & Co.**

**Piotrkowska 100,**

**Telefon 5-47.**

איז בעקאנט אין די ווייטסטע קרייזען פון לאדז און אומגעגענד איז דורך דעם אומצוי פון לאקאל בעדייטענד פערגרעסערט איהר אונטערנעהמונג. צוליב פערגרעסערן פון לאגערן האט די פירמא די מעגליכקייט צו אפערירען א רייכען אויסוואהל פון פערשידענע שטאפען גוט, ביליג און פאסענד פאר יעדען געשמאק, צופרידענשטעלענדיג דעם פערלאנג פון די געעהרטע קונדשאפט.

## די פיערושע ברינגאדא און דער „אינטערנאציאנאל" אויף א מיטינג פון די סאנאטארען אין פילהארמאניע.

(אי) אין פילהארמאניע-זאל איז געלעגען פארגעקומען א וואהל-מיטינג פון דעם אזוי גערופענעם „בלאק פראצע-נישע ראבאטניטשע" (סאנאטארען) צו דער פערזאמלונג זענען געקומען זעהר פיל אנהענגער פון די קאמוניסטען און לינקע פפ"ס, וועלכע האבען געמאכט ... ספר'דיגע צווישענרופען די רעדנער און צום סוף האט זיך געהערט דער געזאנג פון אינטערנאציאנאל. די סאנאטארען האבען געענטפערט מיט „מי פיערושא ברינגאדא". עס איז ענטשטאנען א טו-מעל און דער מיטינג האט געמוזט ווער-רען אויפגעלעזט.

## בודאפעשטער חזן אין „אימפעריאל".

דער בערימטער בודאפעשטער חזן ה' ליבערמאן וועט היי-יאהר דאווענען די ימים-נוראים מיט א גוט אנגעשטודירטען כאר אין זאל „אימפעריאל".

ה' ליבערמאן איז גוט בעקאנט אין די חזנ'ישע קרייזען און יעדער ליבהאבער פון אמת'ער יודישער נגינה וועט זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט צו הערען דעם בודאפעשטער חזן.

## ווילנער חזן זשוזאוויטש שוין אנגעקומען קיין לאדז.

נעכטען איז אנגעקומען קיין לאדז דער בעריהמטער ווילנער חזן זשוזאוויטש, וועלכער וועט דאווענען אין ימים-נוראים מיט א גוט איינשטודירטען כאר אין „פילהארמאניע"-זאל.

דאס דאווענען פון דעם בעוואוסטען ווילנער חזן האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג צווישען דער לאדזשער יודישער בעפעלקערונג.

# לאדזשער כראניק.

## יאהרגאנג 1909 ווער דארף זיך היינט רעגיסטרירען?

(ג) היינט, מאנטאג, דעם 19-טען סעפטעמבער דארפען זיך רעגיסטרירען די אלע יונגעלייט, וואס זענען געבוירען אין יאהר 1909.

אין רעגיסטראציע-ביורא טראווגוטא 10 דארפען זיך היינט מעלדען אלע, וואס זענען געמעלדען אין לאדז און וואוינען אויפ'ן שטח פון 1-טען פאליציי-קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט Sz, T, U, W, Z, Ź, ווי אויך אלע, וואס וואוינען אין 7-טען קאמיסאריאט און זייערע נעמען הויבען זיך אן מיט R., S, Sz, T, U, די רעגיסטראציע דויערט פון 8 פריה ביז 3 נאכט. יעדער מוז מיטנעמען זיינע דאקומענטען.

## סך-הכל פון 15. ציוני. קאנגרעס בעריכטס-פערזאמלונג אין „התאחדות"

די ציוניסטישע ארבייטס - פארטיי „התאחדות" ארדענט איין דינסטאג, דעם 31. סעפט. א בעריכטס-מיטינג אויף וועלכען די דעלעגאטען צום 15. קאנגרעס די ה"ה סיים-דעפוטאט א. לעווינזאהן און ד"ר טארטאקאווער וועלען רעפערירען א. ד. ט.: דער סך-הכל פון 15. ציוני. קאנגרעס אין באזעל.

# הכנות צו די שטאט-ראט-וואהלען אין לאדז.

## יודישע וועהלער, קאנטראלירט די וועהלער-רשימות!

(:) נעכטען, אין דריטען טאג, ווען די וועהלער-רשימות זענען ארויסגעלעגט אין די קרייז וואהל-קאמיסיעס, וואו די וואהל-בערעכטיגטע קענען קאנטראלירען צי זיי פיגורירען אין די רשימות, ...

## די פליישער וועלען נישט געהן מיט די האנדווערקער.

(ג) אין פליישער-פעראיין (פעטערקאווער 24) קומען פאר די לעצטע טעג ווי-צונגען מכח די וואהלען צים שטאט-ראט. אין די בעראטונגען בעטייליגען זיך די ...

## העס און אייזערנע דרענגער אויף א וואהל-מיטינג פון די רעכטע ג. פ. ר.

(§) נעכטען 11 פריה איז אויף דער זאוווישא גאס (באלוט) פארגעקומען א וואהל-מיטינג ...

## פוילישע וואהל-ליטעראטור.

## פון יוד. דעמ. וואהל-בלאק.

## זרובבל קומט דעם מיטוואך קיין לאדז.

מיטוואך ה. 21 ד. ח. קומט צו אונז אין שטאט דער בעוואוסטער רעדנער און ארבייטער-פיהרער זרובבל.

דער ה' זרובבל קומט יעצט צוריק פון זיין רייזע איבער דרום-אמעריקא: ארגענטינא, בראזיליען, אורוגוואי, וואו ער האט אלס פארשטעהער אי וו. פארזיצענדער פון דער צענטראלער יודישער שול-ארגאניזאציע אנגעפיהרט א ברייטע הילפס-אקציע לטובת די יודישע שולען ביי אונז אין פוילען.

לכבוד זיין אנקומען, קומט פאר מיטוואך א זייגער 8 אווענד א פייערליכער קבלת-פנים אין קינא-טעאטער „אימפעריאל".

די יודישע ארבייטער אין לאדז, גרייטען זיך זעהר שטארק צו דעם דאזיגען יום-טוב.

# מוזיקאלישע נאטיצען.

## גרויסער ערפאלג פון ראדאמסקי-קאנצערט.

